# פרשת בחוקותי כ"א – כ"ז אייר תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת בחוקותי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **ישכר דוב ווינבערגער** הי"ו (בן הר"ר חיים ווינבערגער הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אם** בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם, ונתתי גשמיכם בעתם וכו' (ויקרא כו-ג). מען ווייסט, אז מצות מילה איז נכרתו עליה י"ג בריתות, עס איז פון די חשוב'סטע מצוות וואס איז דא אין די תורה. אלמלא מילה וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן שמים וארץ, שנאמר (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי (נדרים לא:), ווען נישט ברית מילה, וואלט דער אייבערשטער נישט געמאכט די חוקות שמים וארץ. מילה איז דאך נישט בריתי יומם ולילה, עס איז נישט שטענדיג, מצות מילה איז מען מקיים נאר איינמאל אינעם לעבן. און עס איז א מצוה וואס מען איז מקיים נאר בייטאג און נישט ביינאכט, פארוואס רופט עס די פסוק אן, אם לא בריתי 'יומם ולילה'.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים אז דער פשט דערפון איז, מצות מילה איז א התחלה פון די קדושה וואס מען לייגט אריין אין א קינד, אז דאס קינד זאל קענען אויפוואקסען שפעטער ערליך. און וועגן דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, עס איז די התחלה פון עבודת ה'. די מצוה פון ברית מילה באגלייט א יוד דאס גאנצע לעבן, שטענדיג דארף מען זיין אפגעהיטן אין די קדושה. איז דאס נישט נאר די ברית וואס מען איז מקיים נאר איינמאל אינעם לעבן, בשעת מען מל'ט אים, נאר עס איז בריתי 'יומם ולילה', דאס באגלייט דעם מענטש שטענדיג, יומם ולילה, טאג און נאכט דארף מען זיין אפגעהיטן, און זיך פירן הייליג. אם לא בריתי יומם ולילה, ווען נישט די קדושה פון מילה, וואס דער אייבערשטער גיט א כח אין א יוד, אז ער זאל קענען אנהאלטן מיט זיין קדושה אויף שטענדיג, חוקות שמים וארץ לא שמתי, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן די וועלט. מען קען נישט באשאפן א וועלט, ווען מען האט נישט די מעגליכקייט צו דינען דעם אייבערשטען דערויף. אבער אז דער באשעפער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה, וואס דאס איז בריתי יומם ולילה, וואס דאס איז א המשך אויפן גאנצן לעבן, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך, וועגן דעם האט דער אייבערשטער געמאכט די חוקות שמים וארץ.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן א 'חק'. אשר קידש ידיד מבטן, 'וחק' בשארו שם. מען געפונט ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו אויף די מצוה פון מילה, האט ער געזאגט א לשון הליכה, התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א). זאגט דער פסוק, 'אם בחוקותי', אויב איר וועט אפהיטן די מצוה פון מילה, וואס מצות מילה איז א חק, און 'תלכו', מלשון התהלך לפני והיה תמים, און נישט נאר מען וועט מקיים זיין מצות מילה איינמאל אין לעבן, נאר 'ואת מצותי תשמרו', די מצוה וועט אים אפהיטן שטענדיג, עס וועט זיין א שמירה פאר א יוד, אויף זיין גאנץ לעבן, דעמאלטס וועט זיין די אלע ברכות וואס שטייט אין די תורה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די שפע וואס קומט אראפ פאר א יוד איז נאר ווען עס איז דא קדושה, און מען פירט זיך אויף ערליך. אויב עס וועט זיין 'אם בחוקותי תלכו', דעמאלטס וועט זיין 'ונתתי גשמיכם בעתם', אזוי ווי דער פסוק רעכנט אויס נאכדעם.

*

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים באולם עדת טערעס. המנהל הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג הדומ"ץ שליט"א**, ודבר ההורים מאת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, נתכבד **רבינו שליט"א** לישא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן מיין חשוב'ן מחותן, דער מונקאטשער ראש ישיבה, וואס צוזאמען האבן

מיר דא אן אייניקל ביי די חומש סעודה. דער אייבערשטער זאל אונז געבן, אז מיר זאלן זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג), און עס שטייט נאכדעם די אלע ברכות פון די תורה. אין **בעל הטורים** שטייט, א'ם ב'חוקותי ת'לכו, איז די ראשי תיבות אב"ת. וואס איז דער ענין, עס איז מרומז דא די ווארט אבות, ביי אם בחוקותי תלכו.

**מען** זאגט ביים דאווענען, בשעת מען איז זיך מתוודה אויף די חטאים, שאין אנו עזי פנים וקשי עורף לומר לפניך וגו' צדיקים אנחנו ולא חטאנו, אבל אנחנו ואבותינו חטאנו. מילא אז מיר זענען זיך מתוודה אז מיר האבן געזינדיגט, אזוי קומט זיך עס. אבער פארוואס שטעלן מיר אריין אונזערע עלטערן. אונזערע עלטערן זענען דאך געווען צדיקים, הייליגע יודען, זיי האבן נישט געזינדיגט. מיר זענען זינדיג, פארוואס זאגט מען אבל אנחנו ואבותינו חטאנו, מען איז זיך כולל צוזאמען מיט די אבות.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער פשט דערפון איז, מען זעהט די וואך אין די פרשה, ווען די תורה רעכנט אויס, וואס עס וועט אלס קומען אויף יודען, אויב מען וועט נישט גיין אין די וועגן פון די תורה. זאגט דער פסוק (שם כו-מב), וזכרתי את בריתי יעקב, ואף את בריתי יצחק, ואף את בריתי אברהם אזכור, והארץ אזכור, און דער פסוק שטייט נישט אין סוף פון די תוכחה, נאר עס איז א פסוק אינדערמיט. זאגט דער **של"ה הק'** (פ' בחוקותי), ווען א מענטש זינדיגט, ווענט זיך פון וואס פאר א שטוב ער קומט. איינער וואס האט קיינמאל נישט געזען קיין גוטס, ער איז קיינמאל נישט נתחנך געווארן אין א שטוב פון תורה, און דורך דעם איז ער אויסגעוואקסען א שוואכער יוד, א תינוק שנשבה, אויף אים איז נישט דא קיין קשיא, ווייל ער האט נישט געהאט פון ווי ער זאל זיך לערנען. אבער איינער וואס האט געהאט חשובע עלטערן, עלטערן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר תורה הק', און דאס קינד גייט נישט אויף דעם וועג וואס ער האט געזען ביי די עלטערן, איז דא אויף אים א שטערקערע תביעה, און זיין עונש איז אסאך א גרעסערער עונש, פון דעם וואס איז נישט נתחנך געווארן אין א ערליכע שטוב.

**דער** אייבערשטער זאגט, בשעת איך וועל זיך אפרעכענען מיט ענק אויף די זינד וואס מען האט געזינדיגט, וזכרתי את בריתי יעקב, וועל איך געדענקען פון וואס פאר א שטובער איר קומט, עטץ קומטס פון יעקב און פון יצחק און פון אברהם. והארץ אזכור, און אין וואס פאר א הייליגע לאנד איר זענט געווען. און דאס אלעס האט ענק דאך צוגעהאלפען אז איר זאלט זיך קענען פירן ערליך, און מען האט זיך נישט אזוי געפירט, אויף דעם וועט זיין דער עונש.

**אמאל** קען זיין, ווען א יוד איז זיך מתוודה פארן אייבערשטען, טראכט ער ביי זיך, איך בין נישט אזוי זינדיג, ב"ה איך טו אסאך גוטע זאכען. איך שטיי אויף יעדן צופרי, און איך האב מיין שיעור, איך לערן און איך דאווען, איך געב צדקה, איך בין מחנך מיינע קינדער אין תלמוד תורה, איך האב נישט אזוי אויף וואס מתוודה צו זיין, אז איך האב געזינדיגט. זאגט מען, קען זיין אז דו פירסט זיך אויף גאנץ וואויל, אבער ווען דו וועסט מדמה זיין דיינע מעשים צו די מעשים פון דיינע עלטערן, ווי אזוי דיינע עלטערן האבן געדאווענט, ווי אזוי דיינע עלטערן האבן געלערנט, ווי אזוי עס איז געווען זייער עבודת ה', און נאכדעם וועט מען צושטעלן ווי אזוי דו פירסט זיך אויף, וועט מען זעהן אז מען האט געזינדיגט. 'אבל אנחנו ואבותינו', ווען מען וועט צוזאמשטעלן אנחנו מיט אבותינו, אונז מיט אונזערע עלטערן, דעמאלטס וועלן מיר זעהן אז 'חטאנו', אז מען האט געזינדיגט.

**עס איז נישט גענוג אז מיר זענען יוצא אז אויפן אמעריקאנער סטייל בין איך גאנץ א וואוילער יוד, איך טו גאנץ פיין, און איך האב א ערליכע שטוב, עס איז נישט גענוג. מען דארף זיך צושטעלן צו די עלטערן, וואס פאר א הייליגע שטובער האבן אונזערע עלטערן געהאט, מיט וואס פאר א מסירת נפש האבן זיי אויפגעשטעלט יודישקייט נאכן גרויסען חורבן, וואס מען האט געמיינט אז די**

**וועלט גייט אונטער, און זיי זענען געווען צובראכען אויף שברי שברים, און פון דעסטוועגען דאך האט מען נישט מוותר געווען אויף א קוצו של יוד, און מען האט אויפגעשטעלט שיינע יודישע דורות, אזוי דארפן מיר ממשיך זיין און גיין אין דעם וועג.** 'אבל אנחנו ואבותינו', ווען אונז קוק מיר זיך אן צוזאמען מיט אונזערע עלטערן, דעמאלטס זעהן מיר 'חטאנו', אז מיר זענען נישט אזוי וואויל ווי עס דאכט זיך אונז.

**איך** האב געזען שטיין אין **חידושי רבינו יוסף נחמיה** (פ' מקץ), אז מען זעהט ביי יוסף הצדיק, ווען ער איז געווען אין מצרים, האט ער געהאט צוויי קינדער, אפרים מיט מנשה. אפרים האט ער א נאמען געגעבן, כי הפרני אלקים בארץ עניי, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א ברייטקייט אין מצרים. און מנשה האט ער א נאמען געגעבן, כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי (בראשית מא-נא), אז דער אייבערשטער האט מיר געמאכט פארגעסן מיין פלאג וואס איך האב געהאט, און ער האט מיך געמאכט פארגעסן מיין גאצע טאטעס שטוב. יוסף האט פארגעסן דעם טאטענ'ס שטוב?!, יוסף איז דאך ניצל געווארן אין מצרים, ווייל עס איז געווען נראית לו דמות דיוקנו של אביו. פון דעם האט ער געלעבט, ער האט נאר געזען זיין טאטען פאר די אויגן, ווען עס איז נישטא קיין נראית לו דמות דיוקנו של אביו, קען מען נישט אויסהאלטן אין מצרים. פארוואס האט ער א נאמען געגעבן, און ער גיט א דאנק פארן אייבערשטען, כי נשני אלקים את כל בית אבי, אז דער אייבערשטער האט אים געמאכט פארגעסן זיין טאטע'ס שטוב.

**זאגט** ער זייער שיין, **אמאל איז דא וואס א מענטש פארלאזט זיך, איך האב געהאט ערליכע עלטערן, ערליכע זיידעס, און מיינע קינדער וועלן האבן אויף וועם ארויפצוקוקען. איך בין א אייניקל פון דעם און דעם רבי, איך בין א אייניקל פון דעם און דעם צדיק, זיי האבן פון וועם צו לערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און ווי אזוי איך פיר זיך אויף, איז נישט נוגע. עס איז אבער נישט אזוי. קינדער לערנען זיך ביי די עלטערן, די זיידעס קומט נאר צו ליתר שאת. טאמער די עלטערן פירן נישט קיין הייליגע ערליכע אפגעהיטענע שטוב, וועלן די קינדער נאכמאכן וואס זיי האבן געזען ביים טאטען. פארן טאטען איז גוט געווען אוועק צו גיין פונעם וועג פונעם זיידען, איז עס פאר מיר אויך גוט. ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער, ווען א מענטש ווייסט אז איך בין דער טאטע, לאמיר פארגעסן פון וואס עס איז געווען פאר דעם, איך בין דער טאטע פון דעם שטוב, איך בין דער טאטע פון די קינדער, זיי גייען זיך אויפפירן אין דעם וועג וואס זיי זעהן ביי מיר. ווען א מענטש שטעלט זיך פאר, איך בין דער פאן טרעגער, איך בין דער וועג ווייזער פאר מיין משפחה, דעמאלטס פירט ער זיך אויף אנדערש, און דעמאלטס וועלן די קינדער נאכגיין אין די וועגן פון די עלטערן.**

**יוסף** הצדיק האט געוואוסט, אז מיט דעם וואס ער האט פיינע זיידעס, אברהם יצחק און יעקב, און די קינדער וועלן ארויפקוקען אויפן זיידען, אויב איך יוסף וועל זיך נישט פירן ערליך אין מצרים, האב איך גארנישט פון דעם אז איך האב א זיידע אברהם יצחק און יעקב. כי נשני אלקים את כל בית אבי, איך גיי פארגעסן פון וואס פאר א שטוב איך קום, איך גיי רעדן פאר מיר אליין, איך דארף זיין אין מצרים דער וועג ווייזער פאר מיינע קינדער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. און דורך דעם האט ער מצליח געווען אויפשטעלן אין מצרים, אין א ערות הארץ, קינדער ווי אפרים און מנשה. ווייל יוסף האט געוואוסט אז איך דארף זיך אהערשטעלן, אז מיינע קינדער זאלן קענען גיין אין די וועגן וואס זיי זעהן ביי מיר. און דאס האט אים געהאלפן דערצו, אז ער האט געקענט מחנך זיין ערליכע קינדער.

**מען לעבט היינט אין זייער א שווערע וועלט, נישט נאר די 'דורות' טוישן זיך, נאר פון 'יאר צו יאר' זענען די קינדער אנדערע סארט קינדער פון וואס עס איז געווען מיט א יאר פריער. און מהיכן ירק זה חי, ווי אזוי קענען די קינדער אויסוואקסען אז עס זאל זיין יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, נאר פון דעם וואס זיי וועלן זעהן אין זייערע שטובער. ווען זיי וועלן זעהן אז די שטוב איז אפגעהיטן, אין שטוב גייט מען מיט צניעות, מען גייט ערליך, די שטוב איז א אפגעהיטענע שטוב, מען נעמט נישט אריין זאכן וואס די רבנים האבן**

**געזאגט אז מען זאל עס נישט נוצן, ווען די קינדער כאטש וויסען אז מיין טאטע איז געווען אפגעהיטן, און איך וויל אויך גיין אויף דעם וועג. אבער אויב אין די שטוב איז נישט דא קיין גדרים, מען קען אלעס טון אין שטוב, ווי אזוי עס קומט אים אויס גרינגער, פאר די קלענסטע באקוועמליכקייט איז מען אלעס מפקיר, ווען זיך די קינדער אויך מאכן באקוועם, און נאך אסאך מער פון וואס זיי האבן געזעהן ביי די עלטערן.** אויב מיר ווילן מחנך זיין ערליכע יודישע דורות, דארף מען געדענקען, 'אנחנו ואבותינו', אונז זאל מיר זיך נישט אוועקרוקן פון אונזערע עלטערן, און אונז זאל מיר זיין די אבות פאר אונזערע קינדער, אונז זאל מיר זיין די וועג ווייזער פאר אונזערע קינדער, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער.

**'אם** בחוקותי תלכו', אז מען וועט גיין אין די וועגן פון די תורה, 'ואת מצותי תשמרו', און די תורה זאגט נאכדעם אלע ברכות וואס וועט זיין, זאגט דער פסוק א רמז, א'ם ב'חוקותי ת'לכו איז די ראשי תיבות אב"ת, עטץ זאלטס גיין אין די וועגן פון ענקערע אבות, און עטץ זאלטס געדענקען אז עטץ זענטס די אבות פאר ענקערע קינדער.

**גלוי** וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, אלע עלטערן האבן א געוואלדיגע הנאה, ווען זייער קינד האט יעצט אנגעהויבן צו לערנען חומש, און ער גייט ווייטער נתחנך ווערן פאר תורה. מיר זענען שותפים דערצו, מען דארף צו טון דערצו, אונזערע שטובער דארפן מיר אהערשטעלן אז די קינדער זאלן קענען אויסוואקסען טהורים, און זיי זאלן בלייבען טהורים, דאס דארף זיין אונזער שטוב. ווען מיר ווילן צושטעלן אזעלכע שטובער, וועט זיין סייעתא דשמיא פונעם אייבערשטען, אז מען וועט קענען זעהן אסאך שמחות און נחת. דער אייבערשטער זאל געבן, אז די עלטערן און די זיידעס זאלן קענען זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**איך** וויל באדאנקען פארן מלמד רבי מרדכי יונה, וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות אין די קינדער. מקצת שבחו בפניו, איך מיין, אז ער ווערט פון יאר צו יאר בעסער און בעסער, כאטש ער ווערט עלטער מיט א יאר, אבער די חיות וואס ער גיט אריין אין די קינדער לאזט זיך גארנישט זאגן, אין די יארן זאל מען קענען אזוי הייבן קינדער, און אזוי אויסלערנען קינדער, זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מתוספות עליהן (שבת קנב.). זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין איבער א יאר נאך בעסער, מיטען אייבערשטענ'ס הילף, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת.

**איך** וויל באדאנקן פארן חשוב'ען מנהל וואס לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין דעם תלמוד תורה. יעדער ווייסט אז עס איז פנים חדשות באו כאן, עס איז אויפגעלעבט געווארן. מען גיט זיך אפ מיט יעדן קינד עקסטער, אז מען זאל אים קענען דערהייבן. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער די כוחות הנפש אז מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו קענען מקבל זיין די תורה בשמחה ובטוב לבב, און אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ברוך ווייסמאנדעל** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן ק"ס סעיף ג') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון שמיטה, כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ווען איר וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל וואס דער אייבערשטער גיט פאר ענק, ושבתה הארץ שבת לה', זאל די ערד רוען א שבת פארן אייבערשטען. שש שנים תזרע שדך, ושש שנים תזמור כרמך וגו', ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ, שבת לה' (ויקרא כה-ב). די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס איז דער פסוק מאריך, כי תבואו אל הארץ, ווען מען וועט אריינקומען צו

דעם לאנד, אשר אני נותן לכם, וואס איך געב ענק. ווען עס זאל נאר שטיין כי תבואו אל הארץ, וועט מען אויך וויסן אז מען רעדט פון ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ארץ ישראל, וואס האט די תורה מדגיש געווען 'אשר אני נותן לכם'. - און די תורה זאגט, אז זעקס יאר זאלסטו ארבעטן, און די זיבעטע יאר זאל זיין שמיטה. יעדער איינער ווייסט אז א פעלד איז געמאכט געווארן צו ארבעטן. די נקודה איז דאך נאר, אז די זיבעטע יאר זאל מען נישט ארבעטן, פארוואס איז די תורה מאריך שש שנים תזרע שדך וכו'.

**די** הלכה פון שמיטה איז, אז די זיבעטע יאר דארף א מענטש מפקיר זיין אלע פירות פון זיין פעלד. יעדער איינער קען אריינקומען, עניים און עשירים, און מען קען נעמען דערפון. בפשטות קוקט עס אויס, אז דער מענטש איז עס מפקיר. עס איז מיינס, און די תורה האט מיר געהייסען אז די זיבעטע יאר זאל איך זיין א גוטער, און איך זאל עס צוטיילן פאר יעדעם איינעם. אזוי ווי די תורה האט געהייסען, אז מען דארף געבן תרומה פארן כהן, און מעשר פארן לוי, אזוי דארף מען די זיבעטע יאר אוועקגעבן אלעס פאר יעדן איינעם.

**אין פנים יפות** (ד"ה ושבתה) שטייט אבער נישט אזוי. דער **פנים יפות** זאגט, דעם זיבעטען יאר גיט נישט א מענטש אלעס אוועק פאר יעדען איינעם, נאר ער גיט עס פארן אייבערשטען, ער גיט עס צוריק פאר דעם בעל הבית פון די וועלט. און דער רבונו של עולם טוט עס נאכדעם צוטיילען פאר אלע זיינע ברואים אויף די וועלט, און ער גיט עס פאר יעדען. אזוי ווי מען געפונט ביי גזל הגר, אז עס שטייט אין פסוק אז ווען מען האט גע'גזלט פון א גר, און מען וויל צוריקגעבן די גזילה, און דער גר לעבט נישט, און ער האט נישט קיין קרובים פארוועם צוריקצוגעבן די גזילה, זאגט די תורה (במדבר ה-ח), האשם המושב לה' לכהן, זאל מען צוריק קערן די גזילה פאר די כהנים. און רש"י זאגט, אדער איז עס לה', אדער איז עס לכהן. זאגט רש"י האשם המושב לה', ער דארף עס קודם אוועקגעבן פארן אייבערשטען, און דער אייבערשטער האט עס קונה געווען, און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט עס קונה געווען, גיט ער עס אוועק פארן כהן.

**זאגט** דער **פנים יפות**, די זעלבע איז מיט שמיטה. שמיטה איז נישט, אז אזוי ווי דער מענטש גיט תרומות און מעשרות, גיט ער יעצט אוועק זיין פעלד פאר יעדן איינעם. נאר די זיבעטע יאר גיט ער עס צוריק פארן אייבערשטען, און דער רבונו של עולם צוטיילט עס נאכדעם פאר אלע ברואים אויף די וועלט, לבהמתך ולחיה אשר בארצך תהיה כל תבואתה לאכול (ויקרא כה-ז).

**זאגט** ער ווייטער, ווען א מענטש איז נישט מקיים די מצוה פון שמיטה, ער איז נישט מפקיר זיין פעלד, האט ער נישט עובר געווען אויף א עבירה בין אדם לחבירו, ער האט צוגענומען פון מענטשען וואס די תורה האט געהייסען צוטיילען, נאר ער איז א גזלן פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געהייסען אז דעם זיבעטען יאר גיב עס פאר מיר, און ער איז גוזל פונעם באשעפער, ער גיט עס נישט צוריק פארן בעל הבית. וועגן דעם זאגט דער פסוק (ויקרא כו-לה) אז גלות איז געקומען ווייל מען האט נישט געהאלטן שמיטה, ווייל עס איז דאך דא א הלכה פון והשיב את הגזילה (שם ה-כג), אויב מען האט געגזל'ט דארף מען עס צוריקגעבן. און אז יודען האבן נישט געהאלטן שמיטה, האבן זיי דאך די אלע יארן פון שמיטה צוגע'גזל'ט פונעם אייבערשטען, דאס וואס זיי האבן געדארפט אועקצוגעבן פאר אים. טוט זיי דער אייבערשטער מגלה זיין פון ארץ ישראל, זיי גייען אין גלות, געבן זיי דעמאלטס צוריק די פעלדער פארן אייבערשטען, און אז תרצה הארץ את שבתותיה כל ימי השמה (ויקרא כו-לד), דעמאלטס וועט די ערד רוען, די אלע יארן וואס מען האט דעמאלטס נישט געהאלטן שמיטה.

**קומט** אויס, אז אין שמיטה גיט א יוד צוריק זיין פעלד פארן אייבערשטען. דער באשעפער איז דער בעל הבית פון דער וועלט, לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה (תהלים כד-א), און אזוי ווי די גמרא (ברכות לה.) דרשנ'ט, כאן קודם ברכה כאן לאחר ברכה. פאר א ברכה איז אלעס דעם אייבערשטען'ס, לאחר ברכה גיט עס דער אייבערשטער אוועק פאר דעם יוד, ער זאל קענען זוכה זיין דערין. און דאס זיבעטע יאר נעמט עס דער אייבערשטער צוריק, און דער באשעפער צוטיילט עס פאר יעדען איינעם.

**אז** א מענטש זאל מפקיר זיין דעם זיבעטען יאר אלע זיינע פירות, איז א גרויסער נסיון. אמאל האט מען ממש געלעבט פון דעם, וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו (ויקרא כה-כ). ווען מען האט נישט געהאט דאס ביסל פירות פון די ערד, האט מען נישט געהאט פון וואס צו לעבן. און די תורה הייסט, מען זאל עס מפקיר זיין, און אוועקגעבן. עס איז כמעט נישטא נאך א מצוה אין די תורה, וואס עס האט געקאסט פאר א יוד אזויפיל געלט, ווי די מצוה פון שמיטה. א פרנסה פון א גאנץ יאר האט ער געדארפט אוועקגעבן, מקיים צו זיין די מצוה פון שמיטה. קומט עס אן פאר א מענטש זייער שווער, אז ער זאל עס מקיים זיין.

**דאס** איז אבער נאר, ווען עס דאכט זיך פאר א מענטש, אז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה (דברים ח-יז), ער האט זיך אלעס אליין פארשאפט מיט זיינע צען פינגערס. ער איז געבוירן געווארן אויף די וועלט, און ער האט געארבעט, און ער האט געטון, ער האט געקויפט זיין פעלד, אלעס איז זיינס. און אז מען הייסט אים יעצט, געב אוועק א חלק פון דיינס, און געב עס אוועק פאר יענעם, קומט עס אן שווער. נאר, יודען זענען מקיים די מצות פון די תורה, איז מען מקיים אויך א שווערע מצוה. עס איז דא א שווריקייט אז א מענטש זאל עס טון. אבער ווען א מענטש ווייסט, אז די גאנצע וועלט איז נישט זיינס, לה' הארץ ומלואה, אלעס איז דעם אייבערשטען'ס. דער באשעפער האט דיר געגעבן זעקס יאר, וואס דו קענסט יא נוצן זיין תבואה, און די זיבעטע יאר זאגט דער אייבערשטער, די יאר בעהט איך עס פאר מיר צוריק. קומט אים נישט אן שווער אוועקצוגעבן די זיבעטע יאר. ער דאנקט דעם אייבערשטען פאר די זעקס יאר וואס ער האט יא געהאט די תבואה.

**ווען** א עושר זעהט א ארימאן דרייט זיך ארום, און ער זאגט אים, דו קענסט אריין קומען צו מיר אין שטוב, און איך גיי דיר געבן מטה כסא שלחן ומנורה. קענסט וואוינען ביי מיר, קענסט עסן ביי מיר, אבער דו זאלסט וויסען, אז איין יאר גיי איך אוועק, און איך וועל נישט זיין דא, און די יאר וועסטו מוזען זוכען א אכסניא ערגעץ אנדערש. ווען עס קומט די זיבעטע יאר, און ער מוז ארויסגיין פונעם שטוב, איז ער נישט ברוגז אויפן בעל הבית אז ער מוז ארויסגיין פונעם שטוב, ער דאנקט אים אז זעקס יאר האט ער אים יא אריינגענומען אין שטוב. קען ער מיר נישט געבן די זיבעטע יאר, וויל ער מיר נישט געבן נאך א יאר, אבער ער איז דאנקבאר פאר די זעקס יאר וואס ער האט יא באקומען. אזוי דארף א יוד וויסען, אז לה' הארץ ומלואה, אלעס איז דעם באשעפער'ס, נאר דער אייבערשטער האט עס אוועקגעגעבן, והארץ נתן לבני אדם, מיר האבן עס באקומען א מתנה פונעם רבונו של עולם. און דער אייבערשטער זאגט, די מתנה גיב איך דיר אויף זעקס יאר, און די זיבעטע יאר גיב איך דיר נישט די מתנה, דארף ער דאנקבאר זיין פארן אייבערשטען אז זעקס יאר האט ער יא באקומען די מתנה, קומט אים נישט אן שווער מקיים צו זיין די מצוה פון שמיטה.

**זאגט** די תורה, בשעת מען וויל אונז געבן די מצוה פון שמיטה, כי תבואו אל הארץ, ווען עטץ קומטס אריין קיין ארץ ישראל, זאלסטו וויסען, אשר 'אני' נותן לכם, ארץ ישראל איז נישט דיינס, עס איז נישט, אז דו האסט געארבעט דערפאר, און עס איז מיינס, נאר איך געב עס פאר דיר. און אז איך געב עס פאר דיר, זיי גליקליך אז שש שנים תזרע שדך, ושש שנים תזמור כרמך, איך האב דיר עס אוועקגעגעבן פאר זעקס יאר, וואס דו קענסט יא עסן פון די תבואה. אבער ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ שבת לה', ווען עס קומט דער זיבעטער יאר, איז עס שבת פארן אייבערשטען. געב מיר צוריק מיין פעלד וואס איך האב דיר געגעבן זעקס יאר צוריק, און נאכדעם וועל איך דיר עס נאכאמאל צוריקגעבן. די תורה וויל מדגיש זיין, אז די מצוה פון שמיטה זאל נישט אנקומען שווער פאר א מענטש, אוועקצוגעבן זיין הארעוואניע פון א גאנץ יאר. האט די תורה מקדים געווען קודם, אז מען קומט אריין אל הארץ אשר 'אני' נותן לכם, וואס איך געב עס פאר ענק, און אז איך געב עס פאר ענק, דארף מען זיין דאנקבאר אויף וואס ער האט אונז יא געגעבן, און עס זאל נישט אנקומען שווער מקיים צו זיין דעם רצון פונעם אייבערשטען.

***יום שני פרשת בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי שאול שמחה פריעדמאן שליט"א** אב"ד שמן למנחה (לעיקוואוד) להזמין את **רבינו שליט"א** לערוך את יום השבת קודש הבעל"ט בהיכל בית מדרשו בלעיקוואוד.

*

***יום רביעי פרשת בחוקותי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אשר לעמל לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה ישראל שפיץ** הי"ו (בן הר"ר **חיים אלעזר שפיץ** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש אמונת ישראל. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דער טאטע האט אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי זאל ער אים שפעטער אויך מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. עס קען אפשר זיין, אז עס ליגט נאך א ענין אין דעם וואס מען וואונטשט אן, כשם שנכנס לברית.

**ווען** דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, האט דער אייבערשטער געזאגט, נעשה אדם (בראשית א-כו), לאמיר מאכען א מענטש. און רש"י שטעלט זיך, אז דער רבונו של עולם האט דאך אליין באשאפן די גאנצע בריאה, וואס איז די לשון 'נעשה', צו וועם האט ער גערעדט א לשון רבים, אונז וועל מיר מאכען, און ווי די גמרא (סנהדרין לח:) זאגט, מכאן פקרו המינים. רש"י זאגט, אז ער האט זיך נמלך געווען אין די מלאכים, נעשה אדם, א לשון שאלה, זאלן מיר מאכען דעם מענטש. און עס איז געווען א דין ודברים, יא צו ניין, און דער אייבערשטער האט יא באשאפן דעם מענטש.

**דער ישמח משה** (פ' בראשית) ברענגט צו פונעם **עקרים** (מאמר ג' פרק ב'), וואס איז דער לשון נעשה אדם. זאגט ער, אז אלע בעלי חיים וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, ווערן באשאפן אויף די וועלט אזוי ווי זיי וועלן זיין שפעטער. עס ווערט גארנישט קיין שינוי אין דעם בעל חי, פון ווען ער איז געבוירן, ביז ער שטארבט. ער איז נאר געבוירן געווארן קליין, און ער ווערט גרעסער, אבער בעצם איז נישט דא א שינוי אינעם בעל חי. שור בן יומו קרוי שור (בבא קמא סה:), ער איז דער זעלבער שור ווען ער איז א בן יומו, ווי ווען ער איז שפעטער, נאר יעצט איז ער א קליינע בהמה, און שפעטער ווערט ער גרעסער. אבער א מענטש האט דער אייבערשטער נישט אזוי באשאפן. א מענטש האט דער אייבערשטער באשאפן, אז קליינערהייט האט ער נישט קיין שום כוחות, ער דארף ארבעטן אויף זיך. און ווען ער ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, ווערט ער מער אנטוויקעלט. בן ארבעים לבינה (אבות ה-כא), עס נעמט פערציג יאר ביז ער קומט צו, צו זיין שכל. און דאס איז די עבודה פונעם מענטש אליין. א מענטש דארף אליין ארבעטן אויף זיך, אז ער זאל זיך אנטוויקלען, און ער זאל צוקומען צו זיין שלימות.

**קומט** אויס, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, האט דער אייבערשטער גזאגט, נעשה אדם, איך צוזאמען מיטן מענטש, וועלן מיר מאכען דעם אדם. איך וועל אים באשאפן אויף דער וועלט, איך וועל אים געבן אלע כשרונות וואס ער דארף צו האבען, און נאכדעם וועט דער מענטש אויסארבעטן זיינע כשרונות, ביז ער וועט צוקומען צו זיין שלימות. נעשה, אונז וועל מיר צוזאמען מאכען דעם אדם, ווייל ווען דער אייבערשטער האט אים באשאפן, איז ער נאכנישט א אדם, ער באקומט ערשט שפעטער זיין שלימות, ווען דער מענטש אליין טוט צוהעלפן דערצו.

**פארוואס** איז טאקע אזוי, פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן אלע בעלי חיים, אז זיי

זענען מיט זייער שלימות, און א מענטש נישט. ווייל א מענטש'ס תפקיד אויף די וועלט איז עבודה, און א בעל חי'ס תפקיד איז נישט א עבודה. דער בעל חי האט נישט קיין שום תפקיד אין זיין לעבן, נאר אז ער זאל באדינען דעם מענטש, און וועגן דעם ווערט ער באשאפן אזוי ווי ער וועט זיין שפעטער. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז די תפקיד פון א יוד איז 'עבודה', האט ער אים באשאפן אומבאהאלפען, און ער דארף זיך אליין אנטוויקלען ביז ער קומט צו צו זיין שלימות. כדי ער זאל זיך פון דעם אראפלערנען, אז די זעלבע ווי אין גשמיות דארף ער זיך אנטוויקלען צוצוקומען צו ווערן א אדם, אזוי דארף זיין אין רוחניות. א יוד דארף טון, און נאכדעם העלפט דער אייבערשטער, אז ער קומט צו צו זיין תפקיד וואס ער דארף צוקומען.

**דאס** האט דער אייבערשטער געוויזען ביי כניסת ברית. אויב דער אייבערשטער האט געוואלט אז א מענטש זאל זיין געמל'ט, וואלט ער אים געקענט באשאפן מהול, אזוי ווי דער מדרש (תנחומא תזריע ה) ברענגט, אז מען האט געפרעגט די קשיא נאך ביי די תנאים. נאר דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז א מענטש ווערט באשאפן אן שלימות, און די גרעסטע מצוה, זיין כניסת ברית, מוז ער אליין טון. מען דארף פארגיסען זיין בלוט כדי ער זאל קענען אריינקומען בבריתו של אברהם אבינו, כדי צו לערנען דעם מענטש, אז א מענטש איז נישט געבוירן געווארן בשלימות, און ער דארף זיך אליין ארויפארבעטן.

**וואונטשט** מען אן פארן טאטען, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דאס קינד איז אריינגעגאנגען צום ברית. פארוואס האט אים דער אייבערשטער נישט באשאפן אז ער זאל זיין מהול, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען אז מען דארף טון דערצו. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאלן די עלטערן קענען ווייטער אויף מגדל זיין דאס קינד, אז דאס קינד זאל נאכדעם וואקסען און שטייגען, ער זאל נתעלה ווערן פון טאג צו טאג, וואס דאס איז די בחינה פון א אדם, א הולך, ער דארף שטענדיג גיין פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הר"ר **אשר לעמל לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריועם.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער של המוסד '**למען אחי**', שהתקיים באולם אימפיריעל.

*

***<u>יום חמישי פרשת בחוקותי</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל אלחנן גאלדבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**דער** פסוק זאגט (קהלת יא-ב), תן חלק לשבעה וגם לשמונה. רש"י ברענגט צו איין פשט, אז עס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. מילה איז ניתנה לשמונה, געב א חלק צו די זיבען, און אויך צו די מצוה פון מילה וואס דאס איז שמונה. עס קען אפשר זיין א קשר די 'תן חלק לשבעה' מיטן 'גם לשמונה'.

**ווען** דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו, אז ער וויל געבן די תורה, האט ער מצווה געווען אז יודען דארפן האבן הגבלה און פרישה. דריי טאג פאר מתן תורה דארף מען זיך פורש זיין, כדי זיך צוצוגרייטן בקדושה, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יט-י) וקדשתם היום ומחר, צוויי טעג זאל מען זיך צוגרייטן. לויטן חשבון פונעם רבונו של עולם וואלט אויסגעקומען, אז ו' סיון זאל מען געבן די תורה. הוסיף משה יום אחד מדעתו, משה רבינו האט צוגעגעבן נאך א טאג, און ער האט אפגעשטופט מתן תורה אויף א טאג שפעטער. אז

דער אייבערשטער זאגט צוויי טאג, פארוואס האט משה רבינו צוגעגעבן נאך א טאג.

**משה** רבינו האט געוואוסט, אז ווי מער א יוד גרייט זיך צו, צו מתן תורה, ווי מער קדושה א יוד לייגט אריין אין די הכנה צו מתן תורה, וועט די מתן תורה זיין אויף א העכערע מדרגה. משה רבינו האט געוואוסט, אז יודען וועלן אדורכגיין שווערע זמנים אויך, און אז מען וויל אז די קבלת התורה זאל זיין א ריכטיגע קבלת התורה, פארלאנגט זיך אז א מענטש זאל מוסיף זיין אין פרישה אויף מער פון וויפיל ער איז מצווה. דער אייבערשטער האט טאקע מצווה געווען אויף צוויי טאג, וקדשתם היום ומחר, אבער אז אונז וויל מיר האבן א שייכות צו קבלת התורה, דארף מען מאכן גדרים וסייגים, און צוגעבן נאך א טאג פאר דעם. האט משה רבינו צוגעגעבן נאך א טאג, אז מען זאל זיך מקדש זיין דריי טאג, פאר מען גייט צו צו מתן תורה. און לויט דעם האט משה רבינו אפגעשטופט מתן תורה פון ו' סיון צו ז' בסיון.

**'יתן** חלק לשבעה', געב צו א חלק צו מתן תורה, געב צו נאך א חלק אפשטופן מתן תורה אויפן זיבעטן טאג פון סיון, ווייל 'וגם לשמונה', כדי עס זאל זיין א הוספה צו די די ענין פון קדושה, מצות מילה איז דאך די ענין פון קדושה, כדי עס זאל זיין 'וגם' לשמונה, עס זאל זיין א הוספה אין די קדושה פון יודען, וואס אויף דעם ווייזט די מצוה פון מילה, האט משה רבינו צוגעגעבן א חלק, און ער האט אפגעשטופט מתן תורה, צו שבעה בסיון.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לביתו החדש של הר"ר **וואלף ברוין** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים שהתקיים ביחד עם מסיבה להחזקת הכולל בבארא פארק, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם, זאגט די תורה צו די אלע ברכות. אין מדרש (ויק"ר לה-א) ווערט צוגעברענגט, הדא הוא דכתיב (תהלים קיט-נט) דוד המלך זאגט, חשבתי דרכי, איך האב איבערגערעכנט מיינע וועגן, ואשיבה רגלי אל עדותיך, און איך האב צוגעפירט מיינע פוס צו די תורה. זאגט דער מדרש, דוד המלך האט געזאגט, בכל יום ויום הייתי מחשב, איך האב יעדן טאג געטראכט, לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, איך גיי צו דעם מקום, און צו דעם בית, והיה רגלי מוליכות אותי לבית המדרש, און מיינע פוס האבן מיר געטראגען צום בית המדרש. אוודאי איז נישט פשט כפשוטו, דוד המלך האט זיך נישט געוואלט גיין אונטערהאלטן, נאר חצות לילה אקום להודות לך (שם קיט-סב), ער איז אויפגעשטאנען יעדע נאכט ביי חצות, און ער איז געזעסן און געלערנט, וואס האט ער געמיינט צו זאגן למקום פלוני אני הולך, ולבית פלוני אני הולך.

**מען** געפונט אין מדרש (פתיחתא איכ"ר כד), ווען משה רבינו האט מעורר געווען זכותים אויף יודען ביים חורבן בית המקדש, האט ער געזאגט, איך בין געווען זייער א געטרייער מנהיג ביי יודען, און איך בין ארומגעלאפען פאר יודען פערציג יאר, אזוי ווי א פערד אינעם מדבר, אזוי איז די לשון פונעם מדרש. וואס מיינט אז משה רבינו איז ארומגעלאפען אין מדבר ווי א פערד, וואו איז ער געלאפען, וואו איז ער געגאנגען? איך האב געטראכט, עס איז געווען שישים רבוא יודען אין מדבר, און משה רבינו איז געווען דער גרעסטער אין כלל ישראל. עס איז זיכער, אז ביי יעדן ברית האט מען אים מכבד געווען צו זיין סנדק, און ביי יעדע בר מצוה האט מען אים גערופן, און ביי יעדע חתונה איז ער געווען מסדר קידושין. ער איז געווען פארנומען א גאנצע טאג מיט די שישים רבוא יודען, און ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר יודען, און יעדן טאג וואס ער איז געווען אין מדבר, איז ער ארומגעלאפען פאר זיי ווי א סוס, פון איין אהל צום צווייטען אהל, און ער האט באדינט יודען.

**דוד** המלך איז אויסער זיין קדושה און זיין גרויסקייט, געווען דער גרעסטער פונעם כלל ישראל, ער איז געווען מלך ישראל. עס איז זיכער אז זיין סקעדזשע"ל איז געווען זייער א פארנומענער, ווי ער דארף אלץ צו גיין, און ער האט נישט געקענט אנקומען איבעראל. וואס

האט ער יא אויסגעקליבען, וועלכע פלעצער איז ער יא געגאנגען. א פלאץ וואס איז געווען א מסיבה פאר תורה, אז עס קען הייבען תורה, דארט האט ער שטענדיג אטייל גענומען.

**זאגט** דוד המלך, חשבתי דרכי, איך האב אייביג איבערגעטראכט אויף מיינע וועגן, ווי איך זאל גיין. בכל יום ויום הייתי מחשב, לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, דער רבי האט מיר גערופן, דער רב האט מיר גערופן, דער שיינער יוד האט מיך גערופן, וואו דארף איך יא גיין, און וואו זאל איך נישט גיין. והיו רגלי מוליכות אותי לבית המדרש, די פלעצער וואס וועט צוברענגען אז מען וועט זיצען און מען וועט לערנען תורה, דארט האב איך מיך געמאכט צייט, אז איך זאל קענען גיין. - און דער מדרש איז עס מסמיך, אם בחוקותי תלכו. 'אם בחוקותי', אויב דאס איז א פלאץ וואס וועט צוברענגען צו חוקותי, 'תלכו', דארט גייט מען.

**מען** קומט זיך צוזאם פאר א מסיבה פון לומדי תורה, ר' וואלף זאל זיין געזונט, איז פארנומען, ער האט אסאך אויף זיין קאפ, אבער ער האט אוועקגעגעבן זיין שטוב פאר תורה. והיו רגלי מוליכות אותי לבית המדרש, פאר א פלאץ ווי מען זיצט און מען לערנט. מען דארף עס האלטן פאר א זכיה אז מען קען צוהעלפען דערצו, אז מען זאל דארט ווייטער קענען מרביץ תורה זיין. **עס איז היינט ממש א מקום שמירה, און א מקום הצלה, אז א יונגערמאן נאך די חתונה דארף נישט גראד ארויסגיין אויף די גאס, און ער קען זיצען אין בית המדרש אפאר יאר און לערנען, אנצוהייבען אויפצושטעלן זיין שטוב אויף א וועג פון תורה. מען ווערט א אנדערער סארט יונגערמאן די פאר יאר וואס ער האט געלערנט נאך די חתונה, אז אפילו ווען ער דארף ארויסגיין נאכדעם אויף די גאס, האט ער כאטש א גוטען יסוד, מיט וואס ער זאל ארויסגיין.** איז עס א געוואלדיגע זכות פאר די אלע וואס העלפען צו דערצו.

**מען** האט עס משלב געווען מיט א חנוכת הבית. ווייל א יודישע שטוב דארף זיין געבויט אויף תורה. - מען געפונט ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, ביז מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, איז געווען שבעת ימי המילואים. אלע טעג שפעטער האבן אהרן מיט די קינדער געטון די עבודה, אבער אין די שבעת ימי המילואים האט משה רבינו משמש געווען. משה רבינו איז דאך דער עמוד התורה, דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז חינוך פון א זאך דארף זיין מיט תורה. שפעטער ווען מען וועט טון די עבודה איז גענוג אהרן מיט די קינדער, אבער משה רבינו דארף זיין דער וואס איז מחנך די משכן ה'. - די שענסטע חנוכת הבית וואס קען זיין איז, אז מען שטעלט צו אז דער חינוך פונעם הויז, זאל זיין געבויט אויף תורה, אז די קינדער זאלן געדענקען, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם הויז, איז געווען אין שטוב א מסיבה פאר תורה.

**עס איז באמת צו באוואונדערן די חלק פון הכרת הטוב, א יונגערמאן וואס האט געלערנט אין כולל, און ער איז אויסגעשטיגען אין די יארן נאך די חתונה פון דעם וואס מען איז געזעסן אינעם כולל. אסאך מאל פארגעסט מען פון א מקום ווי מען האט געהאט גוטס, פון א מקום וואס האט צוגעברענגט אז מען זאל קענען שטייגען, און מען זוכט זיך אסאך מאל פרעמדע פלעצער, ווי מען זאל קענען ערגעץ אנקומען. מען טאר נישט פארגעסען דעם מקום וואו מען האט נהנה געווען, די פלאץ וואו מען האט געלערנט, און מען מאכט א מסיבה ביי זיך אין שטוב.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך טון מצות און מעשים טובים מתוך נחת און הרחבת הדעת, און קענען מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך שמחה וטוב לבב, און די עלטערן און די זיידעס וואס האבן צוגעהאלפען דערצו, זאל דער אייבערשטער זיי געבן שמחות און נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך, לאנגע געזונטע יארן, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***ערב שבת פרשת בחוקותי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישעי' שלום באדאנסקי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הק' זאגט, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ווען מען וועט זיין עמלים בתורה, און מען וועט האלטן די מצות, ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה. און עס וועט זיין א דאפעלטע ברכה, עס וועט זיין אסאך תבואה, והשיג לכם דיש את בציר, מען וועט זיין פארנומען מיטן דיש ביז צום בציר, ובציר ישיג את זרע, עס וועט זיין אזויפיל בציר, אז מען וועט זיין פארנומען ביז צו די זמן פון די זריעה. און עס וועט צוקומען נאך א ברכה, ואכלתם לחמכם לשובע, אוכל קמעה והוא מתברך במעיו, אז אפילו מען וועט נאר עסן אביסל, וועט מען אויך זאט ווערן. און טאמער מען וועט זאגען, הרי מאכל הרי משתה אם אין שלום אין כלום, ונתתי שלום בארץ וכו' (ויקרא כו-ג), שלום וועט אויך זיין.

**און** די תורה זאגט נאכדעם, ופניתי אליכם, איך וועל זיך קערן צו ענק, והפריתי אתכם, והרביתי אתכם, און איך וועל ענק פארמערן, והקימותי את בריתי אתכם, און איך וועל מקיים זיין מיין ברית מיט ענק. רש"י טייטשט ופניתי אליכם, אז דער אייבערשטער זאגט, איך וועל מיך פונה זיין פון אלע מיינע עסקים, און איך וועל זיך אפגעבן נאר מיט ענק, וואס איך קען העלפן פאר יודען.

**דער אור החיים הק'** טייטשט, אז מען געפונט אין די גמרא (מו"ק כח.), אז נישט אלעס האט צוטון מיט זכותים. בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא, אלא במזלא תליא. עס איז דא זאכען ביי א מענטש וואס האט צו טון, אז אויב ער איז געבוירן געווארן אין א גוטע מזל גייט אים גוט, און אויב ער איז געבוירן געווארן אין א שלעכטע מזל, גייט אים נישט גוט. אבער אז מען איז זוכה טוט דער אייבערשטער משנה זיין, און ער נעמט דעם גוטן מזל, און ער ברענגט עס אויף דעם פלאץ וואס דער מענטש איז, כדי ער זאל האבן א גוטן מזל. אזוי ווי די גמרא (שבת קנו.) זאגט, אז אברהם אבינו האט נישט געקענט האבן קיין קינדער, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטען, אז איך האב געקוקט באיצטיגנינות שלי, און לויט מיין מזל בין איך אויף אזא מקום וואס איך קען נישט האבן קיין קינדער. האט דער אייבערשטער גענומען דעם מזל פון צדק, וואס דאס איז דער מזל אז מען זאל קענען האבן קינדער, און דער אייבערשטער האט עס עוקר געווען ממקומו, און ער האט עס געברענגט צו אברהם אבינו, מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו (ישעיה מא-ב), און אברהם אבינו איז נפקד געווארן מיט קינדער. זעהט מען, אז דער אייבערשטער טוט אסאך מאל נעמען דעם מזל וואס איז שלא במקומו, און ער טוט עס צולייגען צו א מענטש אז ער זאל מצליח זיין. - האט דער אייבערשטער געזאגט, ופניתי אליכם, איך וועל מפנה זיין, איך וועל נעמען די מזל פון דעם מקום ווי עס איז, און איך וועל עס צוברענגען צו ענק, און דורך דעם והפריתי אתכם והרביתי אתכם. אזוי שטייט אין **אור החיים הק'**.

**און** דער פסוק ענדיגט צו והקימותי את בריתי אתכם, מען ווייסט אז דער **מהר"ל** (בספרו **נר מצוה**) שרייבט, אז יעדע זאך וואס האט צוטון מיט טבע, איז אין די מספר פון זיבען. ווייל ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש, עס איז דא שבעת ימי בראשית. א זאך וואס איז העכער פון טבע, דאס גייט אריין אין די מספר פון שמיני. און מילה וואס ברענגט ארויף א מענטש אז ער זאל זיין העכער פון די טבע, האט דער אייבערשטער געגעבן אז מען זאל עס מקיים זיין ביום השמיני.

**ווען** די תורה זאגט, ופניתי אליכם, איך וועל גיין משנה זיין די מזל, אז אפילו על פי דרך הטבע קען נישט זיין והפריתי אתכם, והרביתי אתכם, וועל איך משנה זיין די מזל, און איך וועל עס ברענגען צו ענק. זאגט דער פסוק, והקימותי את בריתי אתכם, איך געב ענק די מצוה פון מילה, און מצות מילה איז בשמיני, וואס איז העכער פון טבעיות'דיגע מזל. און דורך די מצוה פון מילה בשמיני, וועט קענען זיין ופניתי אליכם, אז דער

אייבערשטער זאל טוישן דעם מזל פון איין מקום אויפן אנדערן מקום.

*

**די** תורה גיט די ברכה אז מען וועט האבן אסאך, והשיג לכם דיש את בציר. מען קען אנקוקען אסאך מאל, אז עס איז נישט אזא גרויסע ברכה. דער אייבערשטער גיט אז אוכל קמעא והוא מתברך במעיו, ער ווערט זאט, ער האט וואס ער דארף צו האבן, וואס איז ער גליקליך אז דער אייבערשטער גיט אים, אז ער האט אסאך דיש, און אסאך בציר, און ער וועט זיין פארנומען פון ווען מען פאנגט אן צו שניידען, ביז מען הייבט אן אנצוזייען די פרישע תבואה. וואס ליגט א ברכה אין דעם. און דאס איז א ברכה פאר די עמלים בתורה, אז איך וועל ענק געבן, אז איר זאלט זיין פארנומען מיט ענקערע געשעפטן, פון צופרי ביז ביינאכט.

**נאר** דער אמת איז, כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יא), יעדער יוד וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט, האט א תכלית וואס עס דארף ארויסקומען פון אים א כבוד שמים. יעדער אין זיין מקום, האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט, ווי אזוי עס דארף ארויסקומען פון אים זיין כבוד שמים. די וועלט שטייט על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-ב), עס איז דא אזעלכע וואס דער אייבערשטער איז זיי מזכה אז זיי קענען זיצען באהלה של תורה, זייער עבודה אויף די וועלט איז, צו זיין אפגעזונדערט פון די וועלט, און זיין עמלים בתורה, זיך צו פלאגען אויף לערנען. נאכדעם איז דא וואס דער אייבערשטער גיט זיי זייער חלק אז זיי זאלן זיין פון די וואס זענען תומכי תורה. זיי זאלן צוהעלפען אז די תורה זאל קענען בליען. דאס פטר'ט נישט פון לימוד התורה אליין, יעדער יוד דארף קובע זיין עתים לתורה, אבער מען רעדט פונעם עיקר תפקיד, וואס זיין ענין איז אויף דעם עולם, צו זיין פונעם חלק פונעם זבולון, און צוהעלפען פאר דעם ישׂשכר. און ער האט ביידע זכותים, ער האט די זכותים פון דעם וואס מען זיצט אליין און מען לערנט, און ער האט די זכותים וואס ער קען מרחיב זיין די גבולי הקדושה. און דער אייבערשטער גיט אריין א ברכה אין די פארמעגן פון א מענטש, נישט פאר זיך אליין, ווייל ער דארף עס האבן, ער איז אוכל קמעא והוא מתברך במעיו, ער איז זאט, ער האט וואס ער דארף צו האבן, נאר ער דארף האבן דעם דיש מיטן בציר, ווייל עס איז דא א שבט לוי וואס האט נישט קיין פעלדער, און דער אייבערשטער גיט אריין א ברכה אין כלל ישראל, אז עס זאל זיין והשיג לכם דיש את בציר, ובציר ישיג את זרע, און דורך דעם וועט מען קענען אויפהאלטן אז עס זאל זיין תורה.

**די** תורה רעדט פון צוויי סארט מענטשען. אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, עס וועלן זיין אזעלכע וואס זענען עמלים בתורה. און דער אייבערשטער זאגט, והשיג לכם דיש את בציר, ובציר ישיג את זרע, איך וועל געבן מיין ברכה פאר כלל ישראל, אז זיי זאלן האבן גענוג, אז זיי זאלן קענען מחזיק זיין די תורה. זאלסט נישט מיינען אז זיי דארפן עס האבן פאר זיך, ווייל ואכלתם לחמכם לשובע, פאר זיך וועט דאך זיין אוכל קמעא והוא מתברך במעיו, איז דאך דער פלאג וואס ער פלאגט זיך מיטן דיש און מיטן בציר, נאר כדי עס זאל קענען זיין פאר די עמלים בתורה, אז זיי זאלן קענען האבן וואס זיי דארפן צו האבן. דער אייבערשטער וועט זיי משפיע זיין, אז זיי זאלן קענען געבן פאר אנדערע.

**די** גמרא (ברכות סד.) זאגט, תלמידי חכמים זענען מרבה שלום בעולם, שנאמר (ישעיה נד-יג) וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך, אל תקרי בניך אלא בוניך. שלום וואס איז דא אויף די וועלט, דאס קומט אין זכות פון תלמידי חכמים. זאגט די תורה הק', אז דו וועסט פרעגן וואס איז די ברכה פון והשיג לכם דיש את בציר, אז מען האט ואכלתם לחמכם לשובע, האט מען דאך וואס מען דארף. אבער ונתתי שלום בארץ, איך וועל געבן תלמידי חכמים, וואס זיי זענען די מרבים שלום בעולם, מוז דאך זיין איינער וואס זאל צוהעלפען פאר די תלמידי חכמים, און דאס וועט זיין די ברכה פון והשיג לכם דיש את בציר.

**מען** רעדט פון שטובער וואס זענען גרויס סיי אין תורה אליין, מען זיצט און מען לערנט אין די פרייע צייטן, און מען איז מחדש אין תורה. און עס איז

שטובער פון תומכי תורה, דער אייבערשטער גיט, אז מען זאל קענען געבן פאר אנדערע, און מען נוצט אויס די ברכה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, אז מען זאל קענען געבן פאר אנדערע. און כדי אז די תומכי תורה זאלן האבן, ונתתי שלום בארץ, גיט דער אייבערשטער 'א שלום' אויף די וועלט, אז שלום זאל קענען צוהעלפען פאר די אלע וואס זענען לומדי תורה, און מחזיקי תורה. ער איז א עוסק בצרכי ציבור באמונה, ער לעבט נישט פאר זיך אליין, נאר ער האט אינזין אנדערע. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. און די זיידעס זאלן זעהן שמחות און נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בדרכו לעיה"ת לעיקוואד יצ"ו, לשבות את שבתו בקרב תלמידיו ואנשי שלומינו בעיר. - האכסניא במשך יום השבת היתה בבית ידידנו הר"ר **חנני' יו"ט ליפא שפיץ** הי"ו (בן הר"ר **הערשל שפיץ** הי"ו).

לפני כניסת השבת הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הרה"ג שאול שמחה פריעדמאן שליט"א** אב"ד שמן למנחה.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד שמן למנחה:** דער **ערוך השלחן** (הל' כבוד אב ואם סימן ר"מ סעיף י"א) ברענגט אז עס איז דא וואס פירן זיך, אז ווען דער טאטע קומט צום קינד אין שטוב, איז דאס קינד געזעסן אויבן אן, און דער טאטע איז געזעסן אינדערזייט. עס זענען דא וואס שרייבען אקעגן דעם מנהג (עיין בספר **שערים המצויינים בהלכה** סימן קמ"ג אות ב'). מסתבר איז, אז עס איז געווען אין די פלעצער וואס כיבוד אב איז נישט געווען פון די גרויסע...

**רבינו:** די גמרא (קידושין לא.) זאגט, אז אפילו ביי גוים איז געווען כיבוד אב, אזוי ווי דמא בן נתינא און עשו. אין מדרש (ב"ר סה-יב) שטייט, אז רבי שמעון בן גמליאל האט געזאגט, אז איך האב זייער ערליך באדינט מיינע עלטערן, און איך בין נישט צוגעקומען צו וואס עשו האט געטון.

**אב"ד שמן למנחה:** איך האב געזען אין **מעשה איש** פונעם **חזון איש** (ח"ד עמוד קצח), אז איינער האט אמאל געפרעגט דעם **חזון איש** פארוואס האט ער זוכה געווען צו זיין אזא גדול, האט דער **חזון איש** געזאגט, בזכות כיבוד אב ואם.

**רבינו:** איך האב געהערט דערציילן אויף **רבי חיים קנייבסקי שליט"א**, אז ער האט געמאכט א ספר **ארחות יושר**, און ער האט זיך זייער געמוטשעט דערמיט ביים דרוקען. און ער האט זיך אפגערעדט פאר זיין פאטער, דער **סטייפלער**, אז עס גייט אים זייער שווער די ספר. האט אים דער סטייפלער געזאגט, געדענקסט ווען איך בין אמאל געווען ביי דיר אין שפיטאל, ווען דו ביזט געווען נישט געזונט, און דער סטייפלער האט דעמאלטס געדרוקט א אייגען ספר, און ער האט געזאגט פאר זיין זון, אז ער גייט יעצט צום דרוקער, האט אים רבי חיים געזאגט, איך האב אויך צו שיקען א ספר צום דרוקער, און דער סטייפלער האט פארשטאנען אז ער זאל עס מיטנעמען, און ער האט עס מיטגענומען. האט דער סטייפלער תולה געווען אז אזוי ווי ער האט זיך באדינט מיט זיין טאטע, איז אים שווער אנגעקומען צו דרוקען דעם ספר. דער טאטע איז טאקע ממילא געגאנגען, אבער ער האט מכבד געווען דעם טאטען צו טראגען זיין ספר.

**אב"ד שמן למנחה:** מען זעהט אין די גמרא (קידושין מה:) ביי קידושין, אז צו מאכן דעם טאטען פאר א שליח איז א גאנצע שאלה, לא חציף איניש לשויי לאבוה שליח.

**רבינו:** אפילו קידושין איז פון די מצות האב על הבן (שם כט.), פון דעסטוועגן דאך מאכט מען נישט א טאטע פאר א שליח.

*

**אב"ד שמן למנחה:** איך האב געזען אין **ויגד משה** אויף פרקי אבות (ג-ד), ער ברענגט א ווארט פון מיין זיידען דער **נאדיפולי רב**. - מען דרוקט יעצט נאך ספרים פון מיין זיידען, דער **שמן למנחה**, האט מיר איינער געזאגט, אז עס איז דא דארט א ווארט פונעם זיידען. - אז די ברודער פון יוסף האבן מתאונן געווען, וגם דמו הנה נדרש (בראשית מב-כב).

זאגט ער, אז דער גאנצער טעם פון מילה איז להחליש כח התאוה (**מורה נבוכים** פרק מט), און אויב מען האט פארקויפט יוסף, און ער וועט זיך נישט אויפפירן ערליך, קומט אויס אז די גאנצע פארגיסען בלוט ביי מצות מילה איז געווען לחינם. טייטש דער **ויגד משה**, הניעור בלילה והמפנה לבו לבטלה, דו ביסט אויף ביינאכט, און דו גייסט ליידיג, הרי זה מתחייב בנפשו.

**רבינו:** עס איז זייער א שיין ספר.

**אב"ד שמן למנחה:** איך האב אביסל געקוקט אין די הקדמה, ער האט געשריבן די צוואות אזוי יונג.

**רבינו:** עס איז דא פון אים נאך דרייסיג חיבורים בכתב יד, אויף אלע מקצועות שבתורה. תשובות און סוגיות.

**רבינו:** עס איז ערב שבת, איך וויל נישט אויפהאלטן.

**אב"ד שמן למנחה:** מיין זיידע דער **טענקא רב** האט פארציילט, אז ער איז געווען זייער נאנט צום **מלבוש** [פון גרויסווארדיין, דער ווערעצקי'ער רבי], ער איז דריי יאר אריינגאנגען צו אים יעדען טאג נאך חדר. און ער האט זיך געדרייט דארט, צו מען דארף עפעס אין שטוב. האט ער דערציילט, אז פרייטאג האט ער נישט אויפגענומען מענטשען. און ווען עס האט זיך געמאכט אז א רבי איז געקומען אין שטאט, און ער האט געוואלט קומען באזוכען פאר שבת, האט ער אויפגענומען שטייענדיג. ווייל ער האט מקבל געווען פון **רבי אייזיק'ל זידיטשובער** אז פרייטאג נעמט מען אויף שטייענדיג לכבוד שבת. איינמאל איז דער **אהבת ישראל** געקומען זענען זיי געשטאנען צוויי שעה און געשמועסט, לכבוד שבת.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל פלעגט צו זאגען, אז דער **גערער רבי, רבי אברהם מרדכי**, האט אויפגענומען דעם עולם נאר שטייענדיג. ווייל אז מען זיצט, קען מען שמועסן לאנג, אבער ווילאנג קען ער שוין שטיין מיטן רבי'ן. זיי האבן חס געווען אויף יעדע רגע, האט ער אויפגענומען שטייענדיגערהייט. און עס איז נישט געווען א בענקל אז מען זאל זיך קענען אראפזעצען. און ווען עס איז געקומען א אדם גדול, האט מען געהייסען אריינברענגען א בענקל אז מען זאל זיך קענען אראפזעצען.

**אב"ד שמן למנחה:** אינטערעסאנט, איך בין געווען ביים **אמשינאווער רבי**, אינמיטן די נאכט, האט ער אויפגענומען דעם עולם מיט קוויטלעך אין שטוב, און ער איז געשטאנען די גאנצע צייט.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ווייטער אויך מרביץ תורה זיין מתוך נחת והרחבת הדעת, מיט נשיאת חן, און אלעס וואס מען דארף האבן.

**אב"ד שמן למנחה:** יישר כח פארן קומען. און איך וויל מען זאל זיך שפירען כבשלו. איך געב אלעס אוועק, מען זאל זיך שפירן ווי מען איז אינדערהיים.

**רבינו:** איך וועל זיך פירען כבשלו, ווייל ווען א רב קומט צו מיר, בין איך אים אויך מכבד...

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לביקור גומלין אצל **הרה"ג רבי יוסף יונה ווייסבלום שליט"א אב"ד שעדליץ**.

***__וזה תוכן השיחה:__***

**אב"ד שעדליץ:** די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו. אין מדרש (ויק"ר לה-א) שטייט, והיו רגלי מוליכות אותי לבית המדרש. זעהט אויס אז לעיקוואד איז דער בית המדרש.

איך האב יעצט געזאגט גוט שבת פאר מיין שווער, [**הרב משה יהודא וואזנער שליט"א**, **בן הגר"ש וואזנער זצ"ל**] , האט ער מיר געזאגט, אז ער האט געַרעדט די וואך מיטן רב.

**רבינו:** ער האט מיר אריינגעשיקט די **הגדה שבט הלוי**, זיי האבן זייער שיין בעארבעט די הגדה.

**אב"ד שעדליץ:** די מכון זא גט, אז זיי האבן נאך פופציג ספרים ארויסצוגעבן, אויף ש"ס און שלחן ערוך. אויף מסכת פסחים און אויף שבת האבן זיי שוין ארויסגעגעבן.

**רבינו:** תורתן מתברכת (ברכות לב:).

**אב"ד שעדליץ:** דער אמת איז, אז זיין כח איז געגאנגען אזוי ווייט, אז די גאנצע משמרת סת"ם אויפצוהייבן די סטאנדארט פון די כשרות און כתיבת האותיות, האט ער אויפגעהויבן. וועלכער יוד לייגט נישט תפילין, און האט נישט א מזוזה אויף די טיר. דער אנפירער פון 'דרשו', רבי דוד הופשטאטער האט געזאגט אין זיין הספד, אז ווען ער האט געהאט די חלום פון מאכען דעם דרשו, האט ער אים צוגעהאלפען ביי טריט און שריט. ער האט אים געזאגט פונקטליך וואס צו טון, ביז ער

האט אויפגעבויט די גאנצע זאך. און ער האט אים געזאגט, אז עס וועט נאך איבערנעמען די גאנצע וועלט. און נאך אזויפיל זאכען שטילערהייט, וואס מען ווייסט אפילו נישט. ער איז געווען דער ערשטער פארצולערנען הל' טהרה יו"ד חלק ב' ברבים. ווען ער האט פארגעלערנט אין די ערשטע צייטן האבן מענטשען געהאט צו אים טענות, אז דאס לערנט מען נישט ברבים נאר בחברותא, און היינט, ווי איז נישט דא א כולל אין דער וועלט וואס לערנט נישט הל' טהרה, עס איז א געוואלדיגער זכות. יארן צוריק ווען די 'דור ישרים' טעסט האט נאכנישט געכאפט דעם עולם, און נאכדעם וואס מען האט זיך געטראפען מיטען זיידען, און מען האט אים מסביר געווען וואס דאס איז, און ער האט געגעבן דעם סטעמפל, האט זיך עס געגעבן א הייב אויף.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, מיט הרחבת הדעת, און עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

**אב"ד שעדליץ:** אמן, דער רב זאל קענען משפיע זיין להגדיל תורה ולהאדירה, עס זאל זיין מיט גרויס סייעתא דשמיא, מיט פרישע כוחות.

**אב"ד שעדליץ שליט"א הראה לרבינו שליט"א הספר החדש 'על ישראל גדולתו' הספדים שנאמרו על זקינו הגר"ש וואזנער זצ"ל**

**רבינו:** מען האט אים מספיד געווען אין אלע תפוצות הארץ, אפילו אין שטעט ווי מען האט אים נישט געקענט. איך האב אים אויך מספיד געווען צוויי מאל, איינמאל ביי די הספד אין בארא פארק, און נאכדעם ז' אדר.

**אב"ד שעדליץ:** זיי האבן געטראפן אפאר בלעטער, ווי ער האט אליין באשריבן זיין היסטאריע, ביז ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

**רבינו:** ער פלעגט מיר אלץ צו זאגען, אז ער האט געהאט א זיידע וואס האט געוואוינט אין סערדאהעלי. און ער פלעגט צו גיין באזוכן דעם זיידען אויף שבתים, און שלש סעודות פלעגט ער צו גיין צום זיידען, דער סערדאהעלער רב. עס איז געווען דארט צוויי קהלות, און זיין זיידע איז געווען פון די אנדערע קהלה, אבער שלש סעודות איז ער געווען בים זיידען.

**אב"ד שעדליץ:** זיי זענען ביידע געווען אשכנז?

**רבינו:** דעם זיידען'ס קהלה איז געווען מער חסידיש, און די אנדערע איז געווען מער אשכנז.

**ונפרדו לשלום**

*

***שבת קודש פרשת בחוקותי***

התפילות ודרשת פרקי אבות וסעודה שלישית התקיימה ברוב עם הדרת מלך בבית המדרש שמן למנחה, העומדת תחת הנהלת **הרה"ג רבי שאול שמחה פריעדמאן שליט"א**. שמה נתקבצו המוני אנ"ש מרחבי העיר לעיקוואד, ואליהם הצטרפו אורחים רבים שהגיעו מחוץ לעיר, לשהות יחד תחת קורת גג אחד בצלו של **רבינו שליט"א**.

אחר סעודת שבת קודש בבית האכסניא, התקיימה הבאטע לקהל אנ"ש שארכה למשך זמן ממושך בניגוני שיר ושבח לכבוד יום שבת קודש. **רבינו שליט"א** השמיע במשך הבאטע דברי תורה ושיחות מיוחדים בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הר"ר הערשל שפיץ** הי"ו.

בתפלת יום השבת לפני קריאת התורה קיבל **המרא דאתרא שליט"א** את פני **רבינו שליט"א** בדברי תורה וברכה. והביע גודל הזכיה לעשות בית מדרשו כאכסניא של תורה **לרבינו שליט"א** ופמליא דיליה. בדבריו הוסיף גודל החיוב להיות סרים למשמעתו של חכמי וצדיקי הדור, המורים את הדרך נלך בה ולעשות המעשה אשר נעשון. ובמיוחד בשבת קודש הלזו שזוכים לשמוע דבר ה' ברמה במשך יום השבת מפום ממלל רברבן **רבינו שליט"א**.

אחר קריאת התורה ניגש **רבינו שליט"א** לברכת החודש בהתעוררות רב. – אחר תפלת מוסף התקיים קידושא רבא לכבוד המאורע.

ביום השבת אחר הצהרים נתאספו עם רב מרחבי העיר, ומילאו את היכל הבית המדרש עד אפס מקום. כולם נקבצו לשמוע את דבר ה' בדרשת פרקי אבות של **רבינו שליט"א**.

אחר שפתח **רבינו שליט"א** את דבריו בכבוד האכסניא, הקדיש את ראשית דבריו בגודל מעלת עסק התורה, להקדיש כל העתים הפנויים ללימוד התורה, אשר בזה

נשפע הברכה בפרנסת האדם, וכל העוסק בתורה נכסיו מצליחין. – אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בדרכי חינוך הבנים אשר מדברי חז"ל (קידושין ל.) יוצא, שעיקר החינוך הוא בשנות בחרותם, לשים לב על הנהגת הבנים, ושמסתובבים בסביבה של יראי ה' משך שנים האלו, אשר זה ישאיר רושם רב על משך ימי חייהם.

בדברים נרגשים המשיך בחובת תפלת אבות על הצלחת הבנים בתורה ויראת שמים. וגם אם כשרונות הבן בתורה חלשים המה, מכל מקום כח התפלה גדולה היא עד למאוד, ויכול לפעול בהם גדולות ונצורות לטובה. ובפרט ביום ערב ראש חודש סיון הבעל"ט אשר הוא זמן מסוגל לתפלה על בנים טובים, יש לנצל הזמן ביתר שאת בתפלה ותחנונים לפני קונו.

אחר כך התפללו תפלת מנחה, ונערכה סעודה שלישית בהיכל הבית המדרש. באמירת דברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** דברי הכנה לקראת ימי חג השבועות זמן מתן תורתנו. בדבריו גם עורר על קדושת העינים והמחשבה לטהר עצמו בפרישות יתירה, אשר זהו הכנה לזכות לכתרה של תורה. ולהפריש עצמו ביותר מהשתמשות בהכלים השונים, אשר בזה ישיג הארה נפלאה בקדושת הזמן וקבלת התורה. – בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג המרא דאתרא שליט"א**.

במוצאי שבת עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **אברהם שמואל וויינבערגער** הי"ו, וקבע מזוזה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך נערכה מסיבת מלוה מלכה ואסיפת מרעים לתלמידי ויוצאי ישיבתינו הק' ואנשי שלומינו הדרים בעיר לעיקוואד, באולם שע"י בית המדרש שמן למנחה. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **ישראל שלמה גרינצוויג** הי"ו לשור הפיוט אליהו הנביא. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, השמיע **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע** (מתוך הספר מבאר הצדיקים). בברכת המזון נתכבד הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו, מגדולי העסקנים להצלחת השבת.

***__וזה תוכן הסיפורים:__***

**די** וואך (כ"ט אייר, ערב ראש חודש סיון) איז די יארצייט פון **רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע**. רבי מאיר פרעמישלאנער איז געווען א אויסערגעוועונליכער צדיק, מיט זיין פשטות און זיין אפענע רוח הקודש וואס ער האט פאר יעדן איינעם אלעס געזאגט. עס איז כמעט נישט געווען פון די אנדערע צדיקים וואס האבן זיך געפירט אויף זיין וועג.

**רבי** מאיר פרעמישלאנער פלעגט צו זאגן, אז ווען חסידים קומען זיך צוזאם, טרינקט מען לחיים, און עס איז א סגולה פאר פרנסה. פארוואס, ווייל אין לחיים איז דא צוויי יודען. ווען עס קומען זיך צוזאם צוויי יודען טרינקט מען לחיים, און ווען די צוויי יודען גייען אוועק, זיי צוטיילען זיך, און מען נעמט ארויס די צוויי יודען פונעם ווארט לחיים, בלייבט איבער די אותיות לח"ם. האט ער געזאגט, ווען יודען קומען זיך צוזאם טרינקט מען לחיים, און ווען זיי צוטיילען זיך, בלייבט איבער נאכדעם פרנסה.

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט, אז צוויי יודען איז ה'. ווען מען וויל נישט שרייבען דעם שם, שרייבט מען צוויי יודען. ווען צוויי יודען זענען אינאיינעם, איז דאס אזוי ווי דער אייבערשטער. - מען זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז ווען ער איז געווען א קינד, און ער האט געלערנט אין חדר, האט אים דער רבי אויסגעלערנט עברי', און ער האט אים געזאגט, אז ווען עס איז דא צוויי יודען איז עס ה'. ווען ער איז אנגעקומען צו א סוף פסוק, וואס עס איז אויך דא דארט צוויי פונטעלער, האט ער געזאגט אז דאס איז אויך ה'. זאגט אים דער רבי, דאס איז נישט ה', דאס איז א סוף פסוק, דא האט זיך גע'ענדיגט דער פסוק. זאגט ער, רבי, דא איז דא צוויי יודען און דארט איז דא צוויי יודען, פארוואס איז דאס ה', און דאס איז סוף פסוק. זאגט ער אים, ווען די צוויי יודען זענען איינס נעבן דעם אנדערן, דעמאלטס איז עס ה', אבער ווען איינער וויל ארויפקריכען אויפן צווייטען, דאס איז א סוף פסוק. ווען עס איז דא אהבה ואחוה צווישן צוויי יודען, ויחן שם ישראל נגד ההר (שמות יט-ב), ווען עס איז דא אחדות, דאס איז ה'. אבער טאמער איינער וויל איבערגיין איבערן צווייטען, דאס איז נישט ה'.

*

**דער שאפראנער רב** האט פארציילט, אז דער **שם שלמה**, דער **מונקאטשער רב**, ווען ער האט אלץ

יונגערמאן אנגעהויבן מתנהג צו זיין אין רבנות, איז ער געפארן אויף א שבת צו רבי מאיר פרעמישלאנער, און ער האט געוואלט מקבל זיין פון אים סמיכה, אז ער זאל קענען זיין א מנהיג ביי יודען. אין יענעם שבת איז געקומען צוזאמען מיט אים נאך א גדול צו רבי מאיר פרעמישלאנער, און יענער האט אויך געוואלט מקבל זיין סמיכה פון רבי מאיר פרעמישלאנער, און זיי זענען ביידע געזעסן שבת ביים טיש ביי רבי מאיר'ל.

**פרייטאג** צו נאכטס פאר שלום עליכם, האט זיך רבי מאיר'ל אנגערופן און ער האט געזאגט אזוי, איין וואך זאגט מאיר'ל יא שלום עליכם, און איין וואך זאגט מאיר'ל נישט שלום עליכם, און ער האט זיך אויסגעדרייט צום מונקאטשער רב, און ער האט אים געזאגט, לכבוד אייך וועט מאיר'ל זאגן שלום עליכם. און אזוי האט ער אנגעהויבן זאגן שלום עליכם, ביז ער איז צוגעקומען צו צאתכם לשלום. ווען ער איז געקומען צו צאתכם לשלום, האט ער געזאגט, איין וואך זאגט מאיר'ל יא צאתכם לשלום, און איין וואך זאגט ער נישט צאתכם עליכם, און ער האט זיך אויסגעדרייט צום צווייטען רב, און ער האט אים געזאגט, לכבוד אייך וועל איך זאגן צאתכם עליכם. - און אזוי איז געווען, פאר וועם ער האט געזאגט שלום עליכם, איז געווארן א רבי מפורסם, און פאר וועם ער האט געזאגט צאתכם לשלום, דעם האט ער געוויזען אז ער איז אים נישט מסמיך.

*

**אמאל** איז געקומען א רב צו רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, און בשעת ער האט געמאכט די ברכה אויף די תורה, האט ער אנגעכאפט די עצי חיים מיטן טלית. אטייל זענען מדקדק נישט אנצוכאפן די ספר תורה, אפילו די עצי חיים, נאר מיט א הפסק. און רבי מאיר'ל האט אים גארנישט געזאגט. נאכדעם האט עולה געווען א פשוט'ער יוד, און ער האט געזען ווי אזוי יענער רב לייגט ארויף די הענט אויפן עצי חיים מיט א טלית, האט ער אים נאכגעמאכט. האט אים רבי מאיר'ל פרעמישלאנער געזאגט, דו דארפסט נישט אזוי צו טון. יענער רב נעמט שוחד, זענען זיינע הענט נישט ריין, קען ער נישט צורירן צום ספר תורה, מוז ער האבן א הפסק. אבער דו האסט ריינע הענט, דו האסט נקי כפים, דו ביזט א נהנה מיגיע כפו, דו דארפסט נישט מאכן א הפסק צום ספר תורה. אז מען האט ריינע הענט, קען מען אנכאפן די ספר תורה אליין.

*

**ווען** דער **סטאניסלאווער רב** האט מספיד געווען רבי מאיר פרעמישלאנער, האט ער געזאגט, אז די גמרא (סוטה מט.) זאגט, משמת רבי מאיר בטלו מושלי משלים. רבי מאיר האט געקענט זאגן זייער שיינע משלים, און ווען רבי מאיר איז נסתלק געווארן, איז בטל געווארן די וואס זאגען משלים. האט ער געטייטשט אין זיין הספד, אז די גמרא (מו"ק טז.) זאגט, אז דער אייבערשטער זאגט, מי מושל בי, ווער איז מושל אויפן אייבערשטען, א צדיק. הקב"ה גוזר והצדיק מבטלו, כאטש דער אייבערשטער האט גוזר געווען, האט א צדיק א כח מבטל צו זיין די ווערטער פונעם אייבערשטען. דער רבונו של עולם איז דער מושל פון די וועלט, און דער אייבערשטער זאגט, מי מושל בי, ווער איז מיין מושל, דער צדיק. קומט אויס, אז א צדיק איז א מושל אויף א מושל. האט ער ממליץ געווען אויף רבי מאיר פרעמישלאנער, משמת רבי מאיר, פון ווען רבי מאיר איז נסתלק געווארן, בטלו, זענען בטל געווארן, מושלי משלים, די וואס האבן א כח מושל צו זיין אויף דעם מושל פון די וועלט. רבי מאיר פרעמישלאנער איז מיט זיין צדקות געווען א בחינה פון הקב"ה גוזר וצדיק מבטלו, דער אייבערשטער האט גוזר געווען, און ער האט עס געקענט מבטל זיין.

*

**עס** איז דא א הספד פון **רבי שלמה קלוגער** אויף רבי מאיר פרעמישלאנער, און ער שרייבט אויף רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, כאטש איך האב נישט קיין דעת אז איך זאל קענען פארשטיין די מעלת הצדיקים, און זייערע מעשים טובים. אבער רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, הכרתי מקצת מעשיו הטובים הגלויים, אטייל פון זיינע גוטע מעשים וואס זענען געווען גלויים, האב איך געקענט. זיין עניוות און זיין צדקת פזרונו, און זיין צדקה וואס ער האט צוטיילט פאר יודען, ווי ער האט מואס

געווען בהבלי העולם, און עס איז געווען ביי אים עניים בני ביתך. ווען דעם, שרייבט ער, האב איך זיך מתקרב געווען צו אים בחיים חיותו, וזכיתי לראותו פעמיים, צוויי מאל איז ער געווען ביי אים, כראות פני אלקים. ולפי גדלו ומעשיו היה ראוי להיות מפורסם יותר ויותר. לויט וואס ער איז געווען, וואלט ער געדארפט זיין אסאך מער מפורסם, אך הפשטות שלו והענווה שלו, ווייל ער האט זיך געפירט בפשטות, און מיט ענוה, גרם, דאס האט געברענגט, שלא יבינו הכל גדלו, אז מען האט נישט פארשטאנען זיין גרויסקייט.

*

**דער סאטמארער רב** האט פארציילט, אז ער איז געווען א אייניקל פון **רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל, טאלטשעווער רב**, דער טאלטשעווער רב איז געווען דער שווער פונעם **ייטב לב**, און אויף דער עלטער איז דער טאלטשעווע רב געפארן קיין ארץ ישראל, און ער איז געגאנגען וואוינען אין צפת. און בעפאר ער איז אוועקגעפארן, איז ער זיך געגאנגען געזעגענען ביי מערערע צדיקים, און ער איז אויך געווען ביי רבי מאיר פרעמישלאנער זיך געזעגענען, אז ער וויל פארן אויף ארץ ישראל. האט אים רבי מאיר פרעמישלאנער געפרעגט, צו ער האט א פאספארט. האט ער געזאגט, יא. זאגט ער אים, אז ער וויל זעהן דעם פאס. האט ער ארויסגענומען דעם פאס, און ער האט עס אים געגעבן. איז געגאנגען רבי מאיר פרעמישלאנער און ער האט אים נישט צוריקגעגעבן דעם פאס, און ער זאגט אים, מאיר'ל מוז קודם אונטערשרייבן א פאס אז מען קען פארן, און מאיר'ל קען נאכנישט אונטערשרייבן יעצט דעם פאס, האט ער געהאלטן דעם פאס ביי זיך, און ער האט עס אים נישט צוריקגעגעבן. האט ער געמוזט בלייבן אויף שבת ביי רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, און לכבוד דעם האט ער פארשפעטיגט די שיף, וואס ער האט געדארפט פארן קיין ארץ ישראל.

**נאך** שבת האט אים רבי מאיר'ל פרעמישלאנער צוריקגעגעבן דעם פאס, און ער האט אים געזעגענט, און ער איז געפארן מיט א אנדערע שיף. און נאכדעם איז מען געוואויר געווארן אז די שיף וואס ער האט געדארפט פארן איז איינגעזינקען. האבן זיי דעמאלטס געזען די רוח הקודש פון רבי מאיר'ל פרעמישלאנער. אז ער האט אים געזאגט, אז ער קען אים נאכנישט געבן רשות יעצט צו פארן, ער דארף נאך אויסווארטען אויף שפעטער.

*

**עס** איז דא א ספר **שפת אמת**, פון **רבי פייבוש ברעזשאנער זצ"ל**, שרייבט ער, אז איך האב געהערט פון מיין רבי, רבי מאיר פרעמישלאנער, אז אמאל שבועות האט ער געזאגט, אז היינט האב איך פארשטאנען די כוונה פון מיין רבי, **רבי מרדכי קרעמניצער**. האט ער פארציילט אזוי, אמאל בין איך געפארן צוזאמען מיט מיין רבי ווינטער אין א וואגן, און מיר זענען אנגעקומען אויף זייער א שיפע פלאץ, אז עס האט אויסגעקוקט ווי דער וואגן גייט זיך איבערדרייען, און זיי וועלן אלע ניזק ווערן. און איך בין געווען יונג, האב איך זיך אויפגעכאפט בזריזות און איך האב געוואלט אראפשפרינגען פונעם וואגן, בעפאר עס דרייט זיך איבער. און מיין רבי, רבי מרדכי'לע האט מיך אנגעכאפט, און ער האט מיר געזאגט, זיץ, זיץ, עס וועט גארנישט פאסירן. און אזוי איז געווען, מען איז אראפגעפארן דעם בארג, און עס האט גארנישט פאסירט.

**שפעטער** אינמיטן וועג, איז מען געפארן ווייטער, עס האט אויסגעקוקט אז אלעס איז גוט, און פלוצלינג האט זיך איבערגעדרייעט דער גאנצער וואגן, און אלע זענען מיר ארויסגעפאלען אויף די שניי. האט מיין רבי, רבי מרדכי קרעמניצער אנגעהויבן צו שמייכלען, און ער זאגט מיר, זעהסטו. איך האב נישט פארשטאנען וואס ער האט מיר געמיינט צו זאגען זעהסטו, אבער היינט פארן דאווענען, האב איך זיך מתבונן געווען אין די מעשה, און איך האב געזען אז ער האט מיר געוואלט לערנען א וועג אין עבודות ה'. ווען א מענטש איז פארזארגט און ער גייט ארום בדאגה, און ער האט מורא אז ער זאל נישט אראפפאלען, און ער זאל נישט ארייןפאלען אין די הענט פונעם יצר הרע, וואס טוט אייביג אויסשפרייטען פארן מענטש אז ער זאל קענען פאלען, אז דו האסט מורא, דארפסטו נישט מורא האבן, ווייל דער

אייבערשטער וועט העלפן. אבער ווען דו מיינסט אז אלעס גייט גראד, דעמאלטס דארף מען האבן א ישועה. ווילאנג מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען, אזוי לאנג דארף מען נישט מורא האבן. וועגן דעם האט ער מיר דאס ערשטע מאל געזאגט, אז דו האסט מורא קענסטו זיצען, ווייל דו פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען. אבער ווען מען איז געפארן גראד, און איך בין ארויסגעפאלען האט ער געזאגט, זעהסטו, יעצט אז מען האט זיך נישט פארלאזט אויפן אייבערשטען, דעמאלטס פאסירט עס.

*

**דער טענקער רב** [א זיידע פונעם רב דא אין בית המדרש] האט געהאט א זיידע, **רבי מענדל גרשון גרינוואלד**, וואס איז געווען רב אין די שטאט קערעסטיר. ער איז געווען א תלמיד פועם **ישמח משה**, און ער איז געווען א חבר מיט **רבי הערש'לע ליסקער**. און דער קערעסטירער רב מיט רבי הערשלע ליסקער האבן זיך אמאל אויפגעהויבן, צו פארן צום ערשטען **בעלזער רב** אויף א שבת. אויפן וועג איז מען אדורך געפארן די שטאט פרעמישלאן, האבן זיי מחליט געווען אז זיי גייען אריין קיין פרעמישלאן, צו רבי מאיר'ל פרעמישלאנער. זיי זענען אריינגעקומען צו רבי מאיר'ל פרעמישלאנער און ער האט זיי געגעבן שלום, פרעגט זיי רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, יונגעלייט, וואו פארט עטס דא. האבן זיי געזאגט אז זיי פארן צום ערשטען בעלזער רב. האט זיי רבי מאיר'ל געזאגט, מאיר'ל וויל דאך אז די יונגעלייט זאלן זיין דא אויף שבת, ווייל מאיר'ל דארף האבן אזעלכע יונגעלייט. האבן זיי זיך מתנצל געווען, אז זיי זענען אונטערוועגענס און זיי זענען פונקט אדורכגעפארן דא, און זיי ווילן זיין אויף שבת ביי זייער רבי. און זיי האבן זיך גע׳זעגענט.

**ווען** זיי זענען ארויסגעגאנגען פון שטאט, און זיי זענען נאך געווען נאנט צו פרעמישלאן, האט זיך צובראכען דער וואגען, און מען האט פראבירט צו פארריכטען דעם וואגען, אבער מען האט נישט געקענט, און זיי האבן נישט געהאט קיין אנדערן וואגען ווי אזוי זיי זאלן קענען פארן. און עס האט זיך געשלעפט א טאג נאך א טאג, און עס איז געווארן נאנט צו שבת, האבן זיי געזען אז רבי מאיר פרעמישלאנער'ס רצון ווערט מקויים, זענען זיי געבליבען דארט אויף שבת. ווען זיי זענען אריינגעקומען נעמען נאכאמאל שלום פון רבי מאיר פרעמישלאנער, האט ער זיך אנגערופן, און אז מאיר'ל וויל אז מען זאל בלייבען אויף שבת, צוברעכט זיך דער וואגען און מען דארף בלייבען.

**נאך** שבת האבן זיי זיך געזעגנט אז זיי גייען פארן ווייטער, זאגט זיי רבי מאיר פרעמישלאנער, עס גייט באלד זיין די הייליגע טעג, איך וואלט חשק געהאט אז איר זאלט זיין דא די הייליגע טעג. זיי זענען געווען יונגעלייט, און אין די הייליגע טעג פלעגן זיי ארומצופארן אין די דערפלעך ארום די שטעט, וואס האבן נישט געהאט קיין בעלי תפלות, און עס איז נישט געווען ווער עס זאל רעדן פאר זיי. דער קערעסטירער רב איז געווען א פיינער בעל תפלה, פלעגט ער צו דאווענען פארן עמוד, און רבי הערש'לע ליסקער פלעגט צו זאגען דברי התעוררות פאר תקיעת שופר. און זיי האבן געהאלטן אז עס איז וויכטיגער אז זיי זאלן זיין דארט די הייליגע טעג, אויפצוטון פאר יודישקייט.

**עס** איז געקומען די ערשטע נאכט פון ראש השנה, און דער קערעסטירער רב שטעלט זיך דאווענען פארן עמוד, און ער ווערט הייזעריג, און ער קען נישט דאווענען. האט ער תיכף פארשטאנען פארוואס עס איז. בייטאג וויל רבי הערש'לע ליסקער זאגן א דרשה פאר תקיעת שופר, האט ער פארגעסן וואס ער האט געוואלט זאגען, און ער האט נישט געקענט זאגען. האבען זיי פארשטאנען אז עס איז די הקפדה פון רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, זענען זיי צוריקגעפארן צו פרעמישלאן אויף יום הקדוש. ווען זיי זענען אנגעקומען, זאגט זיי רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, אז מאיר'ל וויל מען זאל זיין דא, קען ער מאכען אז מען זאל נישט דאווענען, און ער קען מאכען אז מען זאל פארגעסן וואס צו זאגן, און מען דארף אנקומען. - עס איז א מוסר השכל, ווען א צדיק וויל עפעס, טוט מען פון הימל צופירן, אז עס זאל נתקיים ווערן זיין רצון.

*

**עס** שטייט אין ספר **דברי מאיר** (פ' כי תשא), תורות וואס איז צוזאמגענומען פון רבי מאיר פרעמישלאנער. אז אמאל איז אנגעקומען צו אים א יוד מיט בגדי לבן, און ער האט אויסגעקוקט ווי א יוד א צדיק. און רבי מאיר'ל האט דערקענט אויף אים, אז ער איז נישט תוכו כברו, פון אינווייניג איז ער נישט אזוי ווי ער זעהט אויס אינדרויסן. האט אים רבי מאיר פרעמישלאנער געזאגט, מען זאגט אין די י"ג מדות, אז דער אייבערשטער איז א רחום וחנון ורב חסד ואמת (שמות לד-ו). האט ער געזאגט, 'אמת' איז דאך נישט א מדת הרחמים, אמת איז דאך א מדת הדין. פונעם אמת קען מען זיך נישט אוועקרירען. אז מען גייט נישט מיטן אמת, קען מען אמאל אוועקקוקען וועגען רחמנות וכדומה, אבער אמת איז דאך דין. ווי קומט אריין די מדה פון אמת, אין די שלש עשרה מדות של רחמים.

**האט** ער געזאגט, אמאל איז דא וואס א מענטש ווייזט זיך כאילו ער איז א צדיק גמור, און יעדער מיינט אז ער איז א צדיק, און עס וואלט געווען די יושר אז דער אייבערשטער זאל זיך פירען מיט אים, אזוי ווי ער פירט זיך מיט א צדיק, הקב"ה מדקדק עם צדיקים כחוט השערה (יבמות קכב.), וואלט דער אייבערשער יעצט געדארפט מדקדק זיין אויף אלע זיינע מעשים כחוט השערה. דער אייבערשטער איז דאך אבער א רחום וחנון, פירט ער זיך מיט אים מיטן מדת האמת, ער ווייסט וואס דער אמת איז, אז ער איז נישט א צדיק, פירט ער זיך נישט מיט אים מיט די מדה וואס דער אייבערשטער איז מדקדק ביי צדיקים כחוט השערה. דאס איז די מדה פון אמת ביים אייבערשטען, אז טאמער א מענטש איז נישט ראוי, פירט זיך דער אייבערשטער מיט אים אזוי ווי דער אמת איז טאקע. אז ער איז נישט אזא גרויסער מענטש, אז מען זאל דארפן מדקדק זיין אויף די מעשים וואס ער טוט.

*

**עס** איז געווען אמאל ביי רבי מאיר פרעמישלאנער אויף סוכות, א חסיד פונעם **רבי אליעזר דזיקוב'ער**, און אויף די צווייטע טעג האט ער געוואלט פארן צו זיין רבי'ן אויף דזיקוב. און ווען ער האט זיך געזעגנט פון רבי מאיר פרעמישלאנער, זאגט אים רבי מאיר פרעמישלאנער, דו ביזט דאך א דזיקובער חסיד, איך האב זייער ליב דיין רבי, ער איז א חכם גדול, ווען איך קום אין הימל טרעף איך אים אייביג אויבן, אבער עס איז מיר א חידוש, אז ער איז געזעסן דעם יום טוב אין א סוכה וואס איז נישט געווען כשר.

**דער** חסיד איז געפארן צו רבי אליעזר דזיקוב'ער, און ער האט אים פארציילט וואס רבי מאיר פרעמישלאנער האט געזאגט. און דער **אמרי נועם**, א זון פון רבי אליעזר דזיקוב'ער איז אויך געזעסן דעמאלטס אין שטוב, זאגט רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער פארן זון, דו זעהסט, דו ביזט געווען א למדן, איך האב דיך געפרעגט א שאלה אויף די סוכה, צו עס איז כשר צו נישט, און דו האסט מיר געזאגט אז די סוכה איז כשר, און יעצט זעהסטו אז רבי מאיר פרעמישלאנער האט מיר געשיקט זאגען אז די סוכה איז נישט געווען כשר. זאגט דער אמרי נועם פארן פאטער, אויב רבי מאיר פרעמישלאנער איז א צדיק, און ער זעהט ברוח הקודש, האסטו דאך געהערט וואס ער האט געזאגט קודם, אז ער טרעפט דיך אין הימל, ווען ער איז אויבן, איז דאך דאס אויך אמת. זאגט דער רבי אליעזר'ל, עס איז נישט אזוי. איינמאל האט ער מיך געטראפן אין הימל. פרעגט אים דער זון, ווען האט ער דיך געטראפן. זאגט ער אים, בעפאר איך בין געבוירן געווארן...

*

**איך** וועל צוענדיגען מיט א מעשה [איך האב עס געהערט מערערע מאל פונעם **סקולענער רבי זי"ע**, אויף **רבי מרדכי קעמניצער זי"ע**], אז אמאל פלעגן יודען האבן די ארענדעס, די קרעטשמעס, אונטערוועגענס, און עס איז געווען פרנסה פאר אסאך יודען. אמאל האבן די פריצים געמאכט א הסכם צווישן זיך, אז זיי גייען ארויסשטעלן די יודען פון די קרעטשמעס, און עס פארדינגען פאר די גוים. און זיי האבן געגעבן א צייט אז ביז דעמאלטס דארפן די יודען אוועקגיין פון די ארענדעס וואס זיי האבן געהאט. זענען זיך צוזאמגעקומען די אלע וואס האבן געהאט די קרעטשמעס צו רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, אז ער זאל זעהן מבטל צו זיין די גזירה. האט זיי רבי מאיר'ל געזאגט, אז זיי זאלן בלייבען אויף שבת.

**שבת** ווען מען האט געזינגען כל מקדש שביעי כראוי לו, האט זיך רבי מאיר'ל אפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, מען זאגט שכרו הרבה מאוד, אז ווען איינער איז מקדש שבת איז זיין שכר זייער גרויס, און נאכדעם זאגט מען, על פי פעלו, איש על מחנהו ואיש על דגלו, אז ער בלייבט על מחנהו ועל דגלו, איז דאך משמע אז די גאנצע שכר איז, איש על מחנהו ואיש על דגלו.

**רופט** ער זיך אן צום עולם, און ער זאגט, איז אמת אז מאיר היט שבת?! האבן זיי געזאגט, יא. האט ער נאכאמאל איבערגעפרעגט, איז אמת אז מאיר היט שבת?! האבן זיי געזאגט, יא. זאגט רבי מאיר'ל, אויב אזוי וועל איך ענק זאגן פשט אינעם כל מקדש שביעי. אז מען זאגט 'כל מקדש שביעי', ווען איינער איז מקדש שבת, איז 'שכרו הרבה מאד', איז זיין שכר זייער גרויס. וואס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט אים, 'על פי', וואס ער זאגט ארויס מיט זיין מויל, 'פעלו', טוט דער אייבערשטער אזוי טון. נו, מאיר'ל איז דאך א שומר שבת, זאגט מאיר'ל, 'איש על מחנהו ואיש על דגלו', יעדער זאל בלייבען אויף זיין פלאץ, און מען זאל קיינעם נישט ארויסשטעלן פון דארט.

נאכדעם איז געקומען א ידיעה, אז מען האט מבטל געווען די גזירה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

**איך** האב שוין גערעדט היינט איינמאל און צוויי מאל, איך וויל שוין נישט מאריך זיין מיטן רעדן. מען האט פריער געהערט ווי מיין זון רבי משה מרדכי האט אלעס ארויסגעברענגט. איך וויל זיך נאר פשוט באדאנקען פאר דעם שיינעם שבת וואס מען האט געהאט אינאיינעם. איך האב באמת הנאה, אז מען האט געקענט זיצען צוזאמען דעם שבת. זכור אהבת קדומים, עטץ האטס געהאט גוטע זכרונות, און איך האב אויך גוטע זכרונות פון די פארגאנגענע יארן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען שטענדיג צוזאם קומען מתוך שמחה וטוב לבב, און יעדער איינער זאל געבענטשט ווערן מיט וואס ער דארף האבן, בני חיי ומזוני רויחא, שמחות און נחת ביי די קינדער, און מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.